


# אַרבעטסלאָזיקייט אינשורענס סטעיט אינפאָרמאַציע דאַטא אויסטויש סיסטעם (SIDES)

## וואָס איז SIDES?

SIDES, דער אַרבעטסלאָזיקייט אינשורענס סטעיט אינפאָרמאַציע דאַטא אויסטויש סיסטעם, איז אַן אינטערנעט-באַזירטע סיסטעם וואָס ערלויבט דער דעפּאַרטמענט און לעיבאָר און אַרבעטגעבערס צו אנהאלטן דירעקטע און גרינגע קאָמוניקאַציע ווען א מענטש גיבט זיך איין פאַר א נייע אַרבעטסלאָזיקייט אינשורענס קלעים. דער סיסטעם פירט אריבער פראַגעס פון די לעיבאָר דעפּאַרטמענט לגבי נייע אַרבעטסלאָזיקייט אינשורענס קלעימס אריינגעגעבן דורך געוועזענע אַרבעטערס דירעקט צו אייך, אַזוי אַז איר זאָלט קענען ענטפערן שנעל און מיר זאָלן קענען פּראַצעסירן קלעימס געשיקטערהייט בשעת'ן באַשיצן אַנטקעגן שווינדל אין דער סיסטעם. געמאַכט אינאיינעם מיט די נאַציאָנאַלע אַסאָסיאַציע פון סטעיט אַרבעטס-קראַפט אַגענטורן, וועט SIDES העלפן אייך אָדער אייערע פאַרשטייער (צום ביישפּיל, א דריטע-פּאַרטיי אַדמיניסטראַטער) ענטפערן פראַגעס וועגן קלעימס גרינג, פונקטליך, און צייטליך.

## עס זענען דא צוויי זייטן צו SIDES

1. **SIDES E-Response פאַר ביזנעס:** פאַר אַרבעטסגעבערס מיט ווייניג אַרבעטערס אָן קיין פאַרשטייער (צום ביישפּיל, א פּעיראָל אַגענט), שטעלט דער SIDES E-Response סיסטעם צו א גרינגע וועג פאַר אייך צו ענטפערן אונזער פראַגעס און פאַרלאַנגען עלעקטראָניש.
2. **SIDES פאַר דריטע-פּאַרטיי אַדמיניסטראַטערס און גרויסע אַרבעטגעבערס:** פאַר גרעסערע אַרבעטסגעבערס, שטעלט SIDES צו א מער אויטאָמאַטישע און שנעלערע דאַטא-מיטיילונג און פּייל-נאָכפאָלגונג פאַרמיטלער צווישן אייך, אייער דריטע-פּאַרטיי אַדמיניסטראַטער, און סטעיט אַגענטור נעטוואָרקס ווי יעצטיגע סיסטעמס. וויבאַלד די קאָמפּיוטער סיסטעמס "רעדן" צווישן זיך, שטעלט SIDES צו דער מערסטער פּאַרלעסליכע און שנעלסטע וועג צו באַהאַנדלען א גרויסע צאָל פון אַרבעטסלאָזיקייט אינשורענס אינפאָרמאַציע טראַנזאַקשינס.

## וויאַזוי העלפט מיר SIDES?

ווען אן אַרבעטער ווערט אַרבעטסלאָז און גיבט זיך איין פאַר אַרבעטסלאָזיקייט אינשורענס בענעפיטן פאַרבינדט זיך דער דעפּאַרטמענט און לעיבאָר מיט געוועזענע אַרבעטגעבערס צו געוואויר ווערן פאַרוואָס דער אַרבעטער האָט פאַרלאָזט אָדער פאַרלוירן זיין אָדער איר אַרבעט. מיר פאַרלאָזן זיך אויף אַרבעטסגעבערס אונז צו גיבן די אינפאָרמאַציע כדי מיר זאָלן עס קענען נוצן, אינאיינעם מיט די אינפאָרמאַציע וואָס דער אַרבעטער שטעלט צו, צו באַשטימען אויב דער אַרבעטער איז בארעכטיגט פאַר בענעפיטן.

איינע פון די הויפּט אורזאַכן פון נישט-ריכטיגע אַרבעטסלאָזיקייט אינשורענס באַצאָלונגען פאַר אַרבעטער איז א מאַנגל אין קראַנטע אינפאָרמאַציע לגבי פאַרוואָס אן אַרבעטער האָט פאַרלאָזט אָדער פאַרלוירן זיין אָדער איר אַרבעט. כדי צו פאַרמיידן נישט-ריכטיגע בענעפיט באַצאָלונגען, דאַרפן אַרבעטסגעבערס ענטפערן אונזער פאַרלאַנגען פונקטליך, גענצליך און צייטליך. ווען איר טוט דאָס, העלפט איר אונז באַשיצן אייער ביזנעס און פאַרמיידן מעגליכע שווינדל.

SIDES האָט נאָך אַסאַך בענעפיטן פאַר אייך:

- עס איז אומזיסט
- עס שטעלט צו איין נאַציאָנאַלע איינציגע פאָרמאַט פאַר אינפאָרמאַציע פאָדערונגען
- דאַטא באַשטעטיגונגען פאַרזיכערן דער אויסטויש פון פולקאָמע און גילטיגע אינפאָרמאַציע
- איר באַקומט פאַרלאַנגען פאַר אינפאָרמאַציע שנעלער, וואָס דאָס מיינט אַז איר קענט ענטפערן שנעלער
- איר באַקומט א ריסיט אלס באַווייז אַז אייער צייטליכע ענטפער איז פּראַצעסירט געוואָרן
- עס שטעלט צו איין קאָנטאַקט פאַר פראַגעס און ענטפערס
- ווייניגער ברויזן און נאָכפאָלגונג טעלעפאָן רופן זענען נויטיג
- עס פאַרמינערט אייערע ברויז קאָסטן און נוצט ווייניגער פּאַפּיר
- עס כאַפּט בעסער אויף שווינדל

אין קורצן, העלפט SIDES אַז איר זאָלט קענען ענטפערן אונזערע פראַגעס וועגן אייערע געוועזענע אַרבעטערס' שיידונג שנעל און פולקאָם. דאָס פאַרמיידט געלט פון גיין צו מענטשן פאַר וועמען עס קומט זיך נישט, בשעת'ן אנהאלטן די פאַרלעסליכקייט פון די אַרבעטסלאָזיקייט אינשורענס טראַסט פאַנד און אייער אַרבעטסגעבער אַקאַונט. פאַרמיידן שווינדל שפּאָרט צום ענדע אַרבעטגעבערס געלט.

## ווי אזוי קען איך זיך איינשרייבן פאר SIDES E-RESPONSE פאר ביזנעס?

עס איז גרינג זיך איינצושרייבן פאר SIDES E-Response. עס זענען נאר דא צוויי זאכן צו טון:

1. אויב איר האט נישט קיין ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אנליין סערוויסעס אקאונט, גייט צו **labor.ny.gov/ui/Authentication/index.shtm**

   אויב איר האט א דעפארטמענט אוו טעקסעישאן און פינאנץ אנליין סערוויסעס אקאונט, קענט איר אפגרעיד'ן יענע אקאונט דורך אויספאלגן די אנווייזונגען אויף אונזער וועבסייט אויף **labor.ny.gov/ui/Authentication/index.shtm** אויף וויאזוי צו נוצן דער אקאונט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אנליין סערוויסעס. באמערקט אז אונזער אנליין סערוויסעס אקאונט גיבט אייך אויך אנדערע בענעפיטן, אריינגערכנט צוטריט צו אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אקאונט אינפארמאציע, דער מעגליכקייט אריינצוגעבן פערטל-יאר ריטורנס אנליין, א פארזיכערטע וועג זיך צו פארבינדן מיט די דעפארטמענט אוו לעיבאר און נאך.

2. רופט **1-800-899-8819**. א פארשטייער וועט איבערגיין אייער אקאונט און אייך איינשרייבן פאר SIDES.

## וויאזוי וועט SIDES E-RESPONSE פאר ביזנעס מיר מעלדן וועגן א פארלאנג? וויאזוי ענטפער איך?

ווען א געוועזענער ארבעטער גיבט זיך איין פאר ארבעטלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן וועט איר באקומען אן עלעקטראנישע SIDES מעסעדזש דורך אייער ארבעטלאזיקייט אינשורענס אנליין סערוויסעס אקאונט. א באזונדערע אימעיל וועט געשיקט ווערן צו אייער אימעיל אקאונט אייך צו לאזן וויסן אז עסווארט אייך א וויכטיגע מעסעדזש.

לאג'ט אריין אין אייער אקאונט צו קוקן די מעסעדזש. דער מעסעדזש וועט האבן א לינק, א PIN און אנווייזונגען וויאזוי צו ענטפערן די פארלאנג. דרוקט אויפ'ן לינק, סיינ'ט אריין אינעם פראגראם און ענטפערט פאסיגערהייט.

## ווי אזוי קען איך זיך איינשרייבן פאר SIDES פאר דריטע-פארטיי אדמיניסטראטערס און גרויסע ארבעטגעבערס?

גרויסע ארבעטגעבערס און דריטע-פארטיי אדמיניסטראטערס קענען באקומען נאך אינפארמאציע וועגן אנטוויקלען א SIDES אינטערפעיס און זיך איינשרייבן דורך זיך פארבינדן מיט:

**נאציאנאלע אסאסיעשן פון סטעיטס ארבעטספלאץ אגענטורן (NASWA)**

וועבסייט: **uisides@naswa.org**

פאר נאך אינפארמאציע וועגן SIDES E-Response פאר ביזנעס און SIDES פאר דריטע-פארטיי אדמיניסטראטערס און גרויסע ארבעטגעבערס, באזוכט אונזער וועבסייט אויף: **labor.ny.gov/go/SIDES**.